# אלגעמיינע ניו יארק סטעיט טשיילד לעיבאר געזעצן

dol.ny.gov/child-labor-law-hub

WE ARE YOUR DOL

NEW YORK STATE | Department of Labor

## אינפארמאציע פאר ארבעטסגעבער

### מינדעריעריגער קענען נישט אויספירן די פאלגנדע פליכטן

**14- ביז 15- יאר אלט:**

- פאבריק ארבעט
- קאכן אדער באקן מיט געוויסע געצייג/אפלייענסעס
- ארבעטן ביי פאסיליטעטן פאר די גייסטיש קראנקע

**14- ביז 17- יאר אלט (אלע מינדעריעריגע):**

- בויעריי, לאגינג, פלייש פאקעריי, מינינג, א.ד.ג.
- פירן געוויסע קראפט-געטריבענע געצייג אדער מאשינעריי
- ארבעטן מיט אויסשטעלונג צו ראדיאאקטיווע אדער גיפטיגע באשטאנדטיילן
- פראדוצירונג פון שטיינער אדער דאס באהאנדלען זאכן וואס קענען אויפפלאצן
- מערסטנס טראנספארטאציע, ווערהאויזינג, אדער סטארעדזש
- ארבעטן אין טורמעס אדער קארעקשאנעל פאסיליטעטן

אין פלעצער וואו אלקאהאל ווערט געטרינקען און סערווירט, מינדעריעריגע קענען נישט סערווירן אלקאהאל. אויב מינדעריעריגע באהאנדלען האלטערס וואו אלקאהאל איז מעגליך געווארן סערווירט, דארפן זיי דירעקטע אויפזיכט דורך איינער וואס איז איבער 21-יאר אלט. אין פלעצער וואו אלקאהאל ווערט פארקויפט, אבער נישט איינגענומען אויפ'ן פלאץ, מוז דער פארקויף זיין אונטער'ן אויפזיכט פון איינער וואס איז עלטער ווי 18 יאר.

P887 Y (3/23)

## ארבעט שטונדן דורכאויס שולע

### 14- און 15- יאר אלט

- ביז 3 שטונדן אויף שולע טעג
- ביז 8 שטונדן אויף טעג ווען עס איז נישט דא קיין שולע
- נישט מער ווי 18 שטונדן אדער 6 טעג פער וואך
- ארבעט שטונדן קענען זיין צווישן 7 אינדערפרי און 7 נאכמיטאג

### 16- און 17- יאר אלט

- ביז 4 שעה מאנטאג - דאנערשטאג
- ביז 8 שעה פרייטאג - זונטאג און חגאות
- נישט מער ווי 28 שטונדן אדער 6 טעג פער וואך
- ארבעט שטונדן קענען זיין צווישן 6 אינדערפרי און 10 ביינאכט אויף שולע נעכט; 6 אינדערפרי און 12 מיטלנאכט אויף טעג ווען עס איז נישט דא שולע

## ארבעט שטונדן דורכאויס שולע פויזע

### 14- און 15- יאר אלט

- ביז 8 שעה פער טאג
- נישט מער ווי 40 שטונדן אדער 6 טעג פער וואך
- ארבעט שטונדן קענען זיין צווישן 7 אינדערפרי און 9 ביינאכט

### 16- און 17- יאר אלט

- ביז 8 שעה פער טאג
- נישט מער ווי 48 שטונדן אדער 6 טעג פער וואך
- ארבעט שטונדן קענען זיין צווישן 6 אינדערפרי און 12 ביינאכט

דער ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו לעיבאר איז אן אייניגע געלעגנהייט ארבעטסגעבער\פראגראם. בייהילפיגע הילפסמיטלען און סערוויסעס זענען אוועילעבל לויטן פארלאנג און אומזיסט פאר מענטשן מיט באגרעניצונגען TTY/TDD 711 אדער 1-800-662-1220 (ענגליש) / 1-877-662-4886.